STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01758

GUSTAV LANDOYERS TRAGISH LEBN

O. Rapoport

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Gerald & Estelle Palevsky
in honor of
the 75th birthday of Gerald Palevsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאַפּאָרט

גוסטאַוו לאַנדויערס
טראַגיש לעבן

(צו זיין פופצנטן יאָרצייט)

[1919—1934]

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר

וואַרשע 1934

PRINTED IN POLAND

GUSTAW LANDAUER

Druk. „Renoma" Karmelicka 17

געזעצט אין „הומאַניטע״ שוו. יערסקע 32 וו. 117

גוסטאַוו לאַנדויערס לעבנס־טראַגעדיע איז נישט נאָר די טראַגישע געשיכטע פון אַ יחידס לעבן, נאָר די טראַגעדיע פון אַ גאַנצער תקופה. דערדאָזיקער עקסטאַטישער מענטש, דער „וועלט־דערשיטערטער און וועלט־דערשיטערנדיקער", ווי עמיץ האָט אים גלענצנדיק כאַראַקטעריזירט, האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין פלאַמיקן שאַפן און מוטיקן לעבן די גאַנצע בענקשאַפט פון אונזער גייסטלאָזער, אידייענלאָזער און אומשעפערישער צייט נאָך גייסט און שעפערישער טאַט. אין דאָזיקן וויזיאָנערן זשעני, אין דאָזיקן טראַגיש איינזאַמען, האָט זיך געריסן צו דער אויבערפלאַך, צום לעבן, דער פאַרשאָטענער קוואַל פון דער לעבעדיקער מענטשלעכער געמיינשאַפט, — דער פאַרשאָטענער קוואַל פון גייסטיקער געמיינשאַפט, וואָס האָט געפונען אין אים איר באַגייסטערטן דיכטער. יאָ, גוסטאַוו לאַנדויערס לעבנס־טראַגעדיע קאָן געשילדערט ווערן אין איר גאַנצער גרויס בלויז אויפן ברייטן פאָן פון אונזער טראַגישערווירקלעכקייט, וואָס קאָן נישט קאָאָרדינירן דעם פאַרשטאַנד מיטן ווילן, דעם געוויסן מיט דער טאַט. בלויז ביי אַזאַ פאַרנעם וואָלט מעגלעך געווען ברייט פאַנאַנדערצוּוויקלען גוסטאַוו לאַנדויערס לאַנגן לעבנס־קאַמף, זיין „גלענצנדיקע טראַגישע איזאָלירטקייט", זיינע אידייען און מעשים. דידאָזיקע לאָקנדיקע אויפגאַבע וועט אין דערדאָזיקער בראָשור נישט דערפילט ווערן. דאָ וועל איך שילדערן בלויז יענעם אָפּשניט פון לאַנדויערס לעבנס־טראַגעדיע, ווען אונטערן וויכער פון דער דייטשישער רעוואָלוציע האָט זי אויפגעפלאַקערט באַזונדערס העל און בולט,

ווען די טראַגעדיע פון זיין גאַנצן לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אויף איין פונקט. לאַנדויערס לעבן בכלל און זיין אידייען-וועלט וועלן דאָ באַרירט ווערן בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס וועט נויטיק זיין אַלס גרונט-פאָן פאַר זיין לעצטן געראַנגל מיט זיין גורל.

אין גוסטאַוו לאַנדויערס ווערן האָבן דאָמינירט צוויי הויפּט-עלעמענטן: דיכטערישע קאָנטעמפּלאַציע און רעוואָלוציאָנערער אימפּעט, וועלט-געניסונג און וועלט-פאָרמירונג. די דאָזיקע צוויי הויפּט-עלעמענטן זענען נישט געווען ביי אים שטרענג אָפּגעגרעניצט, ווייל גוסטאַוו לאַנדויער האָט געהערט צו יענע פלאַמיקע ווולקאַן-נאַטורן, וואָס לאָדן אויס אין איין פייערדיקער מאַסע דעם געמיש פון זייער גאַנצן אינהאַלט. דערויף זאָגט עדות נישט נאָר לאַנדויערס רייפסט ווערק — „דער אויפרוף צום סאָציאַליזם", נאָר כמעט זיין גאַנץ שאַפן, יעדער מער-ווייניקער באַדייטנדיקער אַרטיקל. ס'איז גענוג צו קומען אין באַרירונג מיטן סוגעסטירנדיקן ריטם פון לאַנדויערס אומפאַרגלייכלעכן סטיל (ער איז אָפּטמאָל שווער, פאַרפּלאָנטערט אין בליץ-זיגזאַגן, אָבער תמיד אָנגעלאָדן מיט אַזאַ שפע פון גייסטיקייט, וויטאַלער קראַפט און זודיקער ליידנשאַפטלעכקייט, אַז ער מאַכט דעם איינדרוק פון פאָרמלאָזיקייט, צוליב זיין גאָרער דינאַמישקייט), כדי צו דערשפּירן פאַר זיך דעם דיכטער *), און עס איז גענוג אויפצונעמען דעם הויך פון זיין ערשטן געדאַנק, כדי צו דערזען פאַר זיך דעם רעוואָלוציאָנער. ווען גוסטאַוו לאַנדויער ווערט פאַרצערט אויפן קאַלטן פלאַם פון דער דייטשישער רעוואָלוציע, ווען זיין גאַנץ ווערן האָט איין געבעט: „רעוואָלוציע!" און זיין גאַנצער באַוווסטזיין ווייסט איין ענטפער: „מפלה!" — דאַן קאָן ער צוטרעטן צו אַ ווערק

*) „איך פאַרנעם זיך מיט דיכטן, ליבער פריינט, איך דיכטע מיין פאָלק („דיכטע אָן מיינעם פאָלק").

„ער רעדט צו מיר, ווי כ'זאָל זיין אַ פילאַנטראָפּ, ער וואָלט אָבער באַדאַרפט רעדן צו מיר ווי צו אַ דיכטער".

איבער געטען, דעם אַמווייניקסטן רעוואָלוציאָנערן דיכטער פון דייטשלאַנד, פאַר וועמען די קלענסטע פון זיינע דיכטערישע און וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן איז געווען וויכטיקער פאַרן אויסגאַנג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער זעלבער דיכטערישער וועלט-צוגאַנג דיקטירט לאַנדויערן אויך פאָלגנדיקן זאַץ, אין איינעם פון זיינע בריוו: „אַ מענטש, וואָס זיין פאַרצווייפלונג איז גרויס, איז מיר פונקט אַזוי טייער, ווי דער מענטש, וואָס זיין גלויבן איז גרויס". דערדאָזיקער זאַץ, וואָס באַלויכט און מאַכט קלאָר אַ גרויסע שטיק פון לאַנדויערס וועלט- און לעבנס-געפיל, זיין אייגנאַרטיקע סתירהדיקע ברייטהאַרציקייט *), איז אָן שום ספק צוצושרייבן זיין שטאַרק-אַקצענטירטער דיכטערישער נאַטור. אָבער גלייכצייטיק איז זיין רעוואָלוציאָנערער אימפּעט אַזוי שטאַרק, אַז ער פאָדערט באַלדיקע פאַרווירקלעכונג, באַלדיקע פאַרקערפּערונג.

אָט אַרום דידאָזיקע צוויי הויפּט-אַקסן פון לאַנדויערס וועזן, דרייט זיך זיין לעבנס-טראַגעדיע: לאַנדויער איז דיכטער, זיין נאַטור פאָדערט פון אים, ער זאָל געשטאַלטן אין ווערק זיין אינערלעכע וועלט — און דאָס לעבן שטערט אים צו פאַרווירקלעכן זיין אימפּולס; לאַנדויער איז רעוואָלוציאָנער, ער הונגערט נאָך לעבנס-פאָרמירונג, נאָך אַ געמיינשאַפט, און קיין איין רעוואָלוציאָנער איז נאָך נישט געווען אַזוי איינזאַם, אַזוי דערווייטערט פון דער אוממיטלבאַרער לעבנס-פאָרמירונג דורך קאָנקרעטע מעשים, ווי דערדאָזיקער אַפּאָסטאָל פון טאַט און געמיינשאַפט.

*) דערדאָזיקער זאַץ דערנענטערט לאַנדויערן, אין אַ געוויסן פּרט, צו ראָלאַנס לעבנס-געפיל. בכלל איז מערקווירדיק, ווי דער לעבנס-און וועלט-געפיל פון דידאָזיקע צוויי באַרירן זיך אין געוויסע פּונקטן. זיי האָבן ביידע כמעט מיט די זעלבע ווערטער און דערזעלבער מאָטיווירונג פאַראויסגעזאָגט סיי די אייראָפּעישע מלחמה, סיי דעם באַנקראָט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אַ פאַרגלייכנדיקע שטודיע צווישן לעבנס-געפיל פון דידאָזיקע צוויי זאָגט צו צו זיין ביז גאָר אינטערעסאַנט.

לאַנדויער שרייבט אין אַ בריוו: „די געשטאַלטן פון מיין פאַנטאַזיע רינגלען מיך אַרום און הונגערן נאָכן לעבן, וועלכן כ׳וואָלט זיי געקענט און כ׳קאָן נישט געבן. עס איז טרויעריק ווען מען קאָן זיך נישט באַפרייען פונם געפיל, אַז מען וואָלט עפעס געקענט אויפטון, — ווען מען זאָל נאָר קאָנען!״

אָבער לאַנדויער איז זיין לעבן לאַנג איינגעשפאַנט געווען אין שווערן יאָך פון מאַטעריעלע זאָרגן. די ברויט־אַרבעט האָט ביי אים צוגערויבט כמעט די גאַנצע צייט, וואָס זיין שוואַכע פיזישע קאָנסטיטוציע האָט אים דערלויבט צו אַרבעטן.

גוסטאַוו לאַנדויער, דער מענטש, פון וועלכן עס האָבן געשלאָגן מעכטיקע שטראָמען פון שעפערישער ענערגיע, האָט געמוזט עטלעכע יאָר שטיין און פאַרקויפן ביכער אין אַ בוכהאַנדלונג. ער האָט יאָרנלאַנג געמוזט האַלטן פריוואַטע פאַרטראַגן פאַר קרייזלעך „בכבודע״ דאַמען, כדי צו קאָנען צאָלן דירה־געלט און האָבן אויף זומער־אָפרו. אַ טראַגישער אויסדרוק פון דאָזיקן צושטאַנד איז לאַנדויערס פאָרשלאַג צו זיין פריינט, דעם באַרימטן פילאָזאָף פריץ מאַוטנער, ער זאָל אים שאַפן אַ זעקס־אַכט מענטשן, וואָס זאָלן זיך אונטערנעמען צו צאָלן אים חודשלעך, אין משך פון אַ פאָר יאָר, צו 25 מאַרק, כדי ער זאָל קאָנען פאַרקערפערן די שעפערישע כחות, וועלכע ער שפירט אין זיך. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דאַרפן זיין מענטשן, וועלכע גלויבן אין אים, און ער, לאַנדויער, דאַרף זיי באַשטעטיקן. אָבער סאַראַ פאַרצווייפלונג עס האָט געמוזט טרייבן לאַנדויערן צו אַזאַ טריט! (און עס האָבן זיך נישט געפונען אַזעלכע 6–8 מענטשן!...)

אמת, לאַנדויער פאַרמאָגט אַ צו גרויסע גייסטיקע קראַפט, אַ צו רייכן אינהאַלט, ער זאָל צוליב דעם געבראָכן ווערן. „זייט דרום״ — (נו, מילא...) איז זיין רעזיגנירטער נישט־רעזיגנירנדיקער ענטפער אויף די אַלע געלט־שוועריקייטן. לאַנדויערס דאָזיקע נישט־רעזיגנירנדיקע רעזיגנאַציע איז נישט קיין אויסדרוק פון שוואַכקייט, נאָר דווקא פון שטאַרקייט, אָבער זי־

האָט מסתמא נישט קיין קליינעם חלק אין דעם, וואָס זיין פרייד ווערט אים געבוירן „פון דער מעלאַנכאָליע".

אָט דאָס געפיל פון נישט-פאַרקערפּערטער, נישט-אויסגעלעבטער שעפערישער קראַפט, פון געשטערטן אינערלעכן גלייכגעוויכט, האָט אויך געהאַט זיין רעוואָלוציאָנער וועזן. „דער מאָטאָ פון מיינע סאָציאַליסטישע פּרוּוון, — שרייבט ער, — וואָלט געקאָנט זיין: אָן האָפענונג". אויך אויפן דאָזיקן געביט האָט אים געדריקט דער מאַטעריעלער יאָך. אָבער צו די מאַטעריעלע שטערונגען איז צוגעקומען נאָך אַ שטערונג, אַ סך אַ גרויזאַמערע: זיין איינזאַמקייט. זיין רוף צום סאָציאַליזם, זיין גאַנצע איינשטעלונג איז אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט בכלל און אין רעפאָרמיסטיש-מאַרקסיסטישן דייטשלאַנד בפרט, געווען אַזוי פרעמד-קערפּערדיק — דערצו נאָך אין דער שאַרף-אייגנטימלעכער סטיל-קליידונג פון לאַנדויער! — אַז זיין רוף האָט געשאַפן אַרום אים אַ פּוסטן, שטומען קרייז, אָנגעפילט מיט אומצוטרוי, שנאה און ביטול צו דאָס נייע, נישט-געוווינטע.

ווי געזאָגט, האָבן ביידע לעבנס-דורכפאַלן נישט צעבראָכן גוסטאַוו לאַנדויערן; זיי האָבן בלויז צוגעגעבן זיין אַרבעט אַן אייגנאַרטיקן רעזיגנאַציע-טאָן, וואָס איז גלייכצייטיק דער אייגענער קעגנזאַץ. „דאָס וואָלט געווען פאַרצווייפלונג — זאָגט ער (דער מאָטאָ: „אָן האָפענונג!") — ווען מיין אַקטיוויטעט וואָלט געווען אָפּהענגיקייט; זי איז אָבער נאָר מיין נויטווענדיקייט, און אויב די ווירקונג וועט נישט קומען, וועל איך תמיד בלייבן דער, ווער איך בין".

און אַ אַנדערשמאָל: „איך בין נישט דער נאַר..., וואָס גלויבט, אַז מיטן אינהאַלט, וואָס איך גיב, זאָל איך דערגרייכן אַ מעגלעכע ווירקונג אויף מיין קעגנוואַרט... צו מיין שרייבן האָט אַ צוועק, זאָלן אַנדערע אורטיילן וועגן דעם, אויב זיי האַלטן זיך באַרעכטיקט דערצו; פאַר מיר איז גענוג, וואָס עס האָט אַ גאַנץ גענוגנדיקן גרונט.

* *

*

אָבער די איבנגעבראַכטע קלאָרע, קילע פעסטשטעלונגען
און די רואיקע שעפערישע נישט-רעזיגנירנדיקע רעזיגנאַציע טאָרן
נישט אָפּנאַרן: אונטער דערדאָזיקער רואיקייט בלוטיקן ווונדן.
ווען נישט, טאָ צו וואָס וואָלט לאַנדויער געדאַרפט שמידן אַ פּאַנצער
נאָך אַ פּאַנצער קעגן די קלעפּ פון זיין גורל? צי דען זענען נישט
קיין פּאַנצער קעגן מעכטיקע, שטאַרק-פאַרווונדנדיקע קלעפּ אָט
די פאָלגנדיקע ווערטער: „נאָר דער, וואָס גייט זיין וועג און
דערוואַרט גאָרנישט, איז געזיכערט פאַר איינצל-אַנטוישונגען,
ווייל ער האָט אויפגענומען אין זיין אינערלעכסטן ווען די
אַנטוישונג און די האָפענונגסלאָזיקייט און האָט זיי געמאַכט
צום פונדאַמענט פון זיין לעבנס-ענערגיע און פון זיין טואונג“.
מען קען באַוווּנדערן די גייסטיקע קראַפט, וואָס איז פע-
איק צו שאַפן אַזאַ פעסטן פאַנצער פון אַזאַ שטאָף (און לאַנ-
דויערס גאַנץ לעבן איז אַן עדות, אַז דאָס זענען נישט בלויז
ווערטער), אָבער מען טאָר נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם,
אַז דערדאָזיקער פאַנצער איז באַשטימט צו פאַרדעקן טיף-גע-
שלאָגענע ווונדן.

* *

*

אָט דאָס איז דער העראָיש-טראַגישער פונדאַמענט, אויף
וועלכן גוסטאַוו לאַנדויער האָט אויפגעבויט זיין לעבן. ער נוצט
אויס מיט צופרידנקייט די תּפיסה-צייט אויף צו פאַרקערפּערן
אין בעלעטריסטישע ווערק עטלעכע פון זיינע „פאַנטאַזיע-גע-
שטאַלטן“, ער פאַרוואַנדלט זיין דיכטערישן פאַטאָס אין אומ-
ענדלעכע ליבע צו יעדן דיכטערישן ווערק*). ער סקיצירט זיי

*) זיין דיכטערישע לײדנשאַפט האָט אים נישט פאַרלאָזן ביז דער
לעצטער מינוט. אין די שרעקלעכע מלחמה-יאָרן אַרבעט ער איבער זיין גרויסן
שעקספּיר-בוך, וועגן וועלכן ער שרייבט: „איך זאָג (אין אים) אַלץ וועגן
אונזער צייט און אונזער נשמה, וואָס איך האָב צו זאָגן“. און אין דער צייט
פון דער רעוואָלוציע, ווען מיר זעען אים אויפן וועג צו זיין גלגולתּא,

פילאָזאָפיע (טרוימענדיק וועגן אַ גרויס פילאָזאָפיש ווערק) אין זיין פאסצינירנדיקן „סקעפּסיס און מיסטיק". ער רעדאַגירט און גיט אַרויס מיט מסירת נפש און אומענדלעכער ליבשאַפט זיין „סאָציאַליסט", ער זאָגט דאָרט זיין וואָרט — און אָפט, ווי אין דער מלחמה־פראַגע, זיין נביאיש וואָרט! — וועגן די וויכטיקסטע סאָציאַלע, פּאָליטישע און גייסטיקע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט, הגם ער ווייס, אַז ער און זיין „סאָציאַליסט" ווערן פאַרשוויגן אויפן גרויסן פּאָליטישן יאַריד... *) ער איז פאַרבונדן מיט טויזנט פעדים מיט אַלע גרויסע קינסטלערישע און פילאָזאָפישע ווערק פון זיין צייט. אָבער דעם זיכערסטן אַנקער אין זיין לעבן בילדעט זיין גליקלעך פאַמיליע־לעבן. און פאַמיליען־לעבן איז פאַר לאַנדויערן, — דעם באַגייסטערטסטן דיכטער פון דער פאַמיליע, — נישט קיין ענג־פערזענלעכע אָנגעלעגנהייט, נישט קיין עגאָאיסטיש שטיקל גליק, אָפּגעגנבעט ביים כלל, נאָר די לעבעדיקע צעלע פון דער געמיינשאַפט, דער מקור פון ליבע, אַלטרואיזם, מסירת־נפש און אַלע איידעלע רעגונגען פון מענטשן. דאָס פאַמיליען־לעבן, דאָס פאַמיליען־גליק, איז פאַר לאַנדויערן דער ווינקלשטיין פון מענטשלעכער קולטור — קולטור אין לאַנדויערישן גייסטיקן זינען. און איבער דעם אַלעם: איבער זיין פיבערהאַפטער גייסטיקער רייכקייט, איבער זיינע טיפע סאָציאַלע אידייען און טרוימען, אַיבער זיין שעפערישער רעזיגנאַציע און מעלאַנכאָלישער פרייד (וואָס קומט פון איבערגעיוירענער, נישט־פאַרברויכטער קראַפט), שוועבט אַ טיף־פאַרוואָרצלטע אַנונג, אַז ער איז צו עפעס באַשטימט, אַז די כחות, וועלכע ער שפירט אין זיך, וועלן נישט גיין לאיבוד,

---

זאָרגט ער אַזוי רירנד פאַר דער אויפפירונג פון ריכאַרד בער האָפמאַנס טראַגעדיע „יעקבס חלום".

*) בלויז אויף איין מאָמענט בליצט אויף אַ האָפענונג פון פאַרווירקלעכונג, פון אַ סאָציאַלער טאַט: עס נעמט זיך צונויף אַרום אים, צרום זיין „אויפרוף צום סאָציאַליזם" — אַ קליינער קרייז און עס ווערט געב־ינ־דעט דער „סאָציאַליסטישער בונד".

אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען ער וועט דאַרפֿן אַרויס
פֿון זיין איינזאַמקייט און ווירקן. און זיין גאַנץ לעבן איז אַ
גרייטן זיך צום דאָזיקן געאַנטן, געגאַרטן מאָמענט. די דאָזיקע
שטאָלצע און ערלעכע זיכערקייט אין אויסערלעך-באַשיידענעם
לאַנדויער, קומט שוין גאַנץ פֿרי צום אויסדרוק. שוין אין 1895
רייסט זיך דאָס דורך אין פֿאָלגנדיקע אומקלאָר-קלאָרע ווערטער:
„עס לעבט אין מיר עפּעס, וואָס איז פֿאַר מיר העכער ווי
אַלדאָס איבעריקע". מיר שפּירן דאָס, ווען ער רעדט אין איי-
נעם פֿון זיינע בריוו, אַז אַזאַ ווי ער מוז זיך שוינען, ווייל
ער דאַרף לאַנג לעבן: עס וואַרט נאָך אויף אים אַזוי פֿיל
אַרבעט. דאָסדאָזיקע געפֿיל באַקומט אַפֿילו איינמאָל אַ כאַראַק-
טעריסטיש-הומאָרפֿולן אויסדרוק, וואָס העלט אויף, ווי אַ בליץ,
לאַנדויערס ווייטאָגדיק-שמייכלענדיקן וועזן: ווען די מענטש-
הייט וואָלט געוווסט, שרייבט ער, סאַראַ פּראַכטפֿולער יונג ער
איז, וואָלט זי אויף אים געגרינדעט אַן אַקציען-געזעלשאַפֿט.

און אָט דאָסדאָזיקע שעפֿעריש-איינזאַמע, פֿון טעטיקייטס-
דראַנג געצערטע, וועגן זיינע כּחות זעלבסטבאַוווסטע און אין
זיינע כּחות זעלבסטזיכער לעבן, ווערט דורכגעבראָכן דורך
דער וועלט-מלחמה.

* *

*

קיינער, אפשר, איז צו דער מלחמה נישט געווען אַזוי
צוגעגרייט, ווי לאַנדויער: ער האָט זי דאָך פֿאָרויסגעזאָגט מיט
אַזאַ אומהיימלעכער קלאָרזעוודיקייט. (אייגנטלעך האָט ער גע-
קענט „טריאומפֿירנדיק אומקומען", ווי ער דריקט זיך אויס ביי
אַן אַנדער געלעגנהייט: עס איז דאָך מקוים געוואָרן זיין פֿאָר-
אויסזאָגן.) — דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעשוואַכט זיין דער-
שיטערונג. דער „סאָציאַליסט" איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. די
געציילטע פֿריינט, וועלכע האָבן דורכגעבראָכן די וואַנט פֿון
זיין איינזאַמקייט, זענען טיילווייז אָפּגעפֿאַלן: זיי האָבן נישט
אויסגעהאַלטן די פֿייער-פּראָבע, זענען געוואָרן נאַציאָנאַליסטיש

און נישט געקענט מוחל זיין לאַנדויערן זיין אינטערנאַציאָנאַ־ליסטישע שטעלונג, צו וועלכער ער איז געבליבן טריי, ווי וויניקע.

ווען אַ פריינט שרייבט אים, אַז דורכדעם, וואָס דייטש־לאַנד האָט געבראָכן בעלגיעס נייטראַליטעט און פּאַרוויסט צפון־פראַנקרייך, האָט זי זיך גראַטעוועט, ווייל אַנדערש וואָלטן „מ'ר באַזיגט געוואָרן פריער און אויפן אייגענעם באָדן", ענט־פערט אים לאַנדויער: „דו געפינסט אפשר פאַר גוט, וואָס דאָס איז אויסגעמיטן געוואָרן? איך נישט! איך בין אַ דייטש, אָבער איך האָב אַ מענטשהייטס-געוויסן, און נישט קיין דייטשישעס; און כ'וויל ליבער צולאָזן, מען זאָל אָנטון אומרעכט און ווי־טון מיר, איידער איך זאָל דאָס טון!"

איין זאַך, האָט לאַנדויער געשפּירט, קאָן אויסקויפן דעמ־דאָזיקן קריג: אַ רעוואָלוציע, וואָס זאָל אויף להבא צונישט מאַכן זיין מעגלעכקייט. ער האָט געוווסט, אַז איצט, ווען דער בלוטיקער נעפל וויקלט אַלץ איין, איז גאָרנישטאָ, וואָס צו טון. מען דאַרף זיך נאָר בלייבן טריי און וואַרטן אויף דער דער־וואַכונג פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד און געוויסן. אַריבערגיין איבערן דאָזיקן קריג צום פאַר־מלחמה־צושטאַנד, וואָלט פאַר אים געווען דאָס שווערסטע, וואָס דאָס לעבן וואָלט אים גע־קאָנט אונטערטראָגן.

און די רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכן.

אין אַ בריוו צו אַ פריינט שרייבט לאַנדויער: „היות כ'האָב דעם דאָזיקן שוידערלעכן קריג אַריבערגעטראָגן נאָר אַדאַנק דער דערוואַרטונג פון דעם, וואָס איז איצט געקומען, דערי־בער... זאָג איך זיך כסדר: „רעוואָלוציע!"

אין דידאָזיקע ווערטער ליגט דער פּסיכאָלאָגישער שליסל צו לאַנדויערס ראָל אין דער דייטשישער רעוואָלוציע. אמת, זיין גרויסע פּראָגנאָז־קראַפט פאַר סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען און געשעענישן זאָגט אים אונטער דעם טרויעריקן צווייפל: „אויב די רעוואָלוציע וועט פון דערדאָזיקער ליקווידאַציע פון דאָזיקן קריג אַרויס בשלום, וועט עס זיין ווי אַ נס", אָבער די בענק־

שאַפט פון אַ גאַנץ לעבן נאָך אַ נייער פאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט, אַ בענקשאַפט, וואָס איז געשטאָלט געוואָרן אין גרויל פון די קריגס־יאָרן, רייסט זיך אין אים מיט אומשטילבאַרן דראַנג צום דאָזיקן נס.

אין דאָזיקן קאַמף צווישן זיין ערשטער דערקענטעניש און זיין ערשטן אימפּולס, איז אַנטהאַלטן, ווי אין דער ערשטער שפּראָצונג, די גאַנצע ווייטערדיקע האַנדלונג פון גוסטאַוו לאַנדויער.

* *

*

גוסטאַוו לאַנדויער האָט נישט קיין „צו האָפנונגספולע געשיכטס־אויפפאַסונג", ווי ער דריקט זיך אַליין אויס. די רעוואָלוציעס זענען פאַר אים „פאַריבערגייענדיקע מאָמענטן, ווען די פעלקער ווערן דערהויבן איבער זיך גופא, אונטער דער השפעה פון אַ קליינער מיטרייסנדיקער און לעבנדיקער מינדערהייט, און זיי מאַכן אַ פאָר שפּרונגען. מען דאַרף דאַן זען, אַז די דאָזיקע שפּרונגען זאָלן געלענקט ווערן אין דער געהעריקער ריכטונג און אין דער ריכטיקער ראַדיקאַלער מאָס — און אין די צוריקשטראָמענדיקע צייטן, וואָס מער איינצוהאַלטן פון זיי". (דאָס איז לאַנדויערס אַ מער־פאָפּולערע אויסטייטשונג פון זיין טעאָריע, לויט וועלכער די מענטשלעכע געשיכטע איז אַן אייביקע באַוועגונג פון שטרעבן צו רעוואָלוציע־אוטאָפּיע — איבער דער פאַרווירקלעכטער טאָפּיע ווידער צו אוטאָפּיע.) אָבער כדי אַ רעוואָלוציע זאָל איינהאַלטן וואָס מער פון די דאָזיקע „שפּרונגען", ד. ה. זי זאָל געלינגען, מוז זי האָבן „פּאָזיטיווע, באַשטימטע צילן, וואָס ווערן באַהאַנדלט און צוגעגרייט אין דער עפנטלעכקייט און אין אָרגאַניזירטע גרופּן". לאַנדויער ווייס אָבער, אַז דאָס פעלט. „דאָס, וואָס איז פאַרזאַמט, פאַרפּושט און אונטערגעגראָבן געוואָרן אין זעכציק יאָר סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, לאָזט זיך נישט שאַפן איינס־צוויי־דריי בעת אַ קריג". לאַנדויער איז נישט נאָר אַ קעגנער פון דער שיידעמאַן־ריכ־

טונג, וואָס וויל בכלל דערשטיקן די רעוואָלוציע, וואָס די רע־
וואָלוציע איז פאַר איר אַן אומגעוווּנשענער גאַסט, — נאָר ער
איז אויך קעגן ליבקנעכטן. „איך האָב די גרעסטע אַכטונג, —
שרייבט ער, — פאַר ליבקנעכטס פּערזענלעכן מוט און דעם
האַרציקסטן מיטגעפיל צו זיין גורל, אָבער ליבקנעכט וויל בלויז
דעם מיטל: די רעוואָלוציע; אָבער פון איר צוועק, פון סאָציאַ־
ליזם, פון דער נייער אָרדענונג פון די פעלקער און פון דער
מענטשהייט, פון די גייסטיקע און זעלישע פאָרבאַדינגונגען צו
דער דאָזיקער נייער געזעלשאַפט, האָט ער אינדעראמתן נאָך ווייניקער
אַנונג ווי אַזעלכע צופּאַסונגס־פּאָליטיקער, ווי הײנע אָדער לאַנדס־
בערג. די פולקומענסטע טיפן פון קולטורלאָזיקייט און נאַריש־
קייט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זענען דאָך די אַזוי גערו־
פענע ראַדיקאַלן...״

אין הסכם מיט לאַנדויערס גאַנצער וועלט־אַנשויאונג, לויט
זיינע יאָרצענדליקער־לאַנג דורכגעטראַכטע צילן און וועגן פון
דער רעוואָלוציע, קאָן ער נישט קומען מיט קיין גענויער פּראָ־
גראַם, אַן אויסגעאַרבעטע אין אַלע פּרטים, מיט פעסט־באַשטימ־
טע פּאַראַגראַפן. ער וויל טון דאָס, וואָס עס פאָדערט די
שרעקלעכע סיטואַציע, אָבער אַרויסגייענדיק דערביי, נאַטירלעך,
אין יעדן איינצלנעם פאַל פון שטאַנדפּונקט פון זיין ענדציל,
אָדער ווי ער דריקט זיך אויס: „בלייבן אינגאַנצן ביי די איי־
גענע אידייען און זיך אינגאַנצן צופּאַסן צו דער סיטואַציע״.
גוסטאַוו לאַנדויער האַלט, אַז דאַן, ווען מען האָט פעסטע צילן
און אַ פעסטן פּלאַן זיי צו פאַרווירקלעכן, איז נישט נויטיק —
אַדרבה, ס׳איז שעדלעך! — אָנצוּוואַרפן דעם דאָזיקן פּלאַן דעם
ווירקלעכן לעבן; מען פאַרמאָגט דאַן אַזוי פיל גייסטיקע בוי־
געוודיקייט און זיכערקייט אין האַנדלען, אַז דורך צופּאַסן זיך
צו דער סיטואַציע פאַרווירקלעכט מען דעם ציל.

אין וואָס זענען די הויפּט־צילן פון לאַנדויערס סאָציאַ־
ליזם?

קודם כל מוז צעשמעטערט ווערן די צענטראַליזירטע
מלוכה און ס׳מוז געשאַפן ווערן אַ בונד פון רעפּובליקן, וואָס

זאָלן זיין קאָרפּאָראַטיוו געגלידערט, מיט אַ וואָס גרעסערער
געמיינדע= און באַרופלעך-קאָאָפּעראַטיווער פרייהייט. פון אָנהויב
דאַרף די מאַכט ליגן אין די הענט פון די אַרבעטער=, זעל=
נער= און פויערים=ראַטן, און די דעלעגאַטן פון זידאָזיקע אינ=
סטאַנצן דאַרפן נישט זיין קיין „פאָלקס=פאַרטרעטער”, וואָס רעדן
און טוען אין נאָמען פון שטומען פאָלק, נאָר דעלעגירטע פון
פערמאַנענט=באַראַטנדיקע קאָרפּאָראַציעס, וואָס גיבן אימפּעראַ=
טיווע דירעקטיוון זייערע פאָרשטייער, קאָנטראָלירן זייער טע=
טיקייט און קאָנען זיי צו יעדער צייט אָפּרופן. און דידאָזיקע
לאָקאַלע מאַכט-אָרגאַנען דאַרפן נישט שטרעבן צו דיקטאַטור,
נאָר אָפּצושאַפן דעם פּראָלעטאַריאַט. און זייער ציל דאַרף
זיין, אַז נישט דער איינצלנער זאָל זיך מקריב זיין דעם
„אויפגעבלאָזענעם מאַכטגיריקן גאַנצן, נאָר דאָס גאַנצע זאָל
העלפן אַריינברענגען פרייד אין דעם אַרבעטס=לעבן און אין
דעם אָפּרו-לעבן פון די מענטשן”.

די דייטשישע רעוואָלוציע אָבער הויבט גלייך אָן אָפּצו=
זאָגן זיך פון לאַנדויערס צוויי הויפּט-פונקטן. פון איין זייט קו=
מען „די זעלבע דיכטער, פּראָפעסאָרן, „גייסטיקע” און פּאָלי=
טיקער, וואָס האָבן פון 1914 ביז 1917 הוראַ=פּאַטריאָטיש און
אַנעקסיאָניסטיש געשריגן”, און „גרינדן איצט דעמאָקראַטיש=
סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ווילן אָנפירן מיט דייטשלאַנדס
גורל. ער זעט ווי „דער פּאַרפוילטער פּאַרטיי= און פּרעסע=
וועזן הויבט ווידער אויף דעם קאָפּ מיט דער גרעסטער חוצפה”,
און אַז נישט קיין אַנדערער ווי ער (דער פּאַרטיי= און פּרעסע=
וועזן. — י. ר.) פּאַרבאָרגט זיך אונטערן לאָזונג: נאַציאָנאַל=
פּאַרזאַמלונג”... ער ווייס, אַז די נאַציאָנאַל-פּאַרזאַמלונג דאַרף
קומען ערשט נאָכדעם, ווי אויפן באָדן פון מעשים וועט אויס=
וואַקסן אַ נייער גייסט. „וועט זי קומען איצט – שרייבט ער –
וועט אַלץ זיין פּאַרלוירן און מיר וועלן זיך אַלס קלאָגעדיקע
באַשעפעניש אַוועקשטעלן הינטער דער אַזוי-גערופענער פּראַנ=
צויזישער „רעפּובליק”. נאַציאָנאַל=פּאַרזאַמלונג באַדייט, אַז די
רעוואָלוציע שפּאַנט אויס די פערד און שטעלט זיי אריין אין

שטאַל״. ער זעט מיט ווייטאָק — הגם ער האָט דאָס פאָראויסגעזאָגט, — אַז: „דער שיכט, וואָס איז כמעט ווי גאָרנישט באַרירט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע און שפּירט אַ פאַרדרוס איבער איר און אירע איינריכטונגען, — איז די פּאַרטיי־פּאָליטיש און געווערקשאַפטלעך אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט״. און פון דער צווייטער זייט זעט ער די סכּנה פון גייסטלאָזן, ציללאָזן ראַדיקאַליזם. ער שרייבט וועגן די ספּאַרטאַקיסטן: „זיי זענען צענטראַליסטן, ווי ראָבעספּיער. זייער שטרעבן האָט נישט קיין אַנדער אינהאַלט, ווי נאָר די מאַכט; זיי גרייטן צו דעם באָדן פאַר אַ מיליטער־הערשאַפט״... און מיט ווייטאָק גיט ער צו: „די בעסטע פון פאָלק האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין זייערע רייען. די ראַדיקאַלע מיטלען ציען צו מיט אַ מאַגישער קראַפט, ווייל דאָס ראַדיקאַלע פון זין און ציל, דאָס שטילע און פרומע פון דער נייער מענטשהייט, האָט נאָך נישט געפונען דעם ריכטיקן דערשיטערנדיקן טאָן״. און ער רופט אויס: „עס איז זיך נוקם אין דער גאַנצער דייטשישער רעוואָלוציע, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מוז זיין איר טרעגער״.

ווי מיר זעען, האָט גוסטאַוו לאַנדויער געקוקט מיט אָפענע אויגן אויפן גורל פון דער דייטשישער רעוואָלוציע. און דאָך וועקט זיך אויף אין אים זיין לעבנס־בענקשאַפט, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מעגלעכע נאָענטקייט צום ציל. ער פילט און גלויבט, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס ווייס, וואָס מען דאַרף טון, אַז נאָר ער און דאָס הייפל זיינע נאָנטע קאָנען העלפן אַרויסצוגיין פון כאַאָס. ער שרייבט: „דאָס דאָזיקע געפיל, אַז מען דאַרף אונז איצט האָבן און אַז נאָכן אָפּטומלען פון אַלע פּאָליטיקער וועט געזוכט ווערן דער נייער פּאַראַל, דאַרפן מיר אָפּהיטן אין ריינקייט און זאַמלען אונזערע אַלע כּוחות אויף דאָס גאַנצע״.

* *

*

ווען עס קומט צו לאַנדויערן דער רוף פון קורט אייז־נער, ער זאָל קומען קיין מינכען, נעמט ער אָן דעם רוף מיט פרייד, הגם דער רוף געפינט אים אַ קראַנקן סיי פיזיש, סיי גייסטיק. גוסטאַוו לאַנדויער איז פיזיש צעבראָכן פון אַ שווע־רער גריפּע, און גייסטיק – פון זיין פרויס טויט, זייט וועלכן עס איז נאָך קיין יאָר נישט פאַרגאַנגען. אָבער דער רוף קיין מינכען גיט אים נייע כּוחות: ער פילט, אַז דאָ שטייט אין קאָן די קווינט־עסענץ פון זיין גאַנצן לעבן; נאָך מער, ער וויל אַוועקשטעלן אין לעצטן קאָן זיין גאַנץ לעבן. „איצט – שרייבט ער – איז דער מאָמענט, ווען איך דאַרף זיך פאַרברויכן און נישט מער זיך שוינען"...

ער נעמט אָן דעם רוף פון קורט אייזנער מיט פרייד, ווייל: „די גרויסע האָפענונג (דאָס זאָג איך מיט טרייסט) איז אונזער בייערן, ווו די רעוואָלוציע ווערט פון אָנהויב אָן גע־פירט מיט פאַרשטאַנד און מענטשלעכקייט". איצט קלינגט דאָס ווי אַ חוזק פון דער געשיכטע, וואָס דער גרויסער זעער האָט אין בייערן, דעם פלייסיקסטן קרבן פון דער רעוואָלוציע, גע־זען די האָפענונג פון זיינע גרויסע רעוואָלוציאָנערע טרוימען. אָבער דעמאָלט האָט זיך אים געדאַכט, אַז בייערן גייט אויפן ריכטיקן וועג (און פון אָנהויב איז עס טאַקע געווען ריכטיק), אויסמיידנדיק די דיקטאַטור סיי פון רעכטס (שיידעמאַן), סיי פון לינקס (ליבקנעכט). גוסטאַוו לאַנדויער האָט אַפילו געחלומט וועגן מלוכה־דעצענטראַליזאַציע, וועגן אָפּרייסן זיך פון פּרייסן און דער בונדעס־ראַט פון די זעלבשטענדיקע רעפּובליקן זאָל זיך אַפילו נישט געפינען אין בערלין.

אָבער אַפילו אין דאָזיקן מאָמענט, ווען דער איינזאַמער איז גרייט צו דערלאַנגען די הענט אַפילו אַן אָנגעטראָפענעם בער (לויט ניטשעס אַ בילדלעכן אויסדרוק וועגן דער סכּנה פון לאַנגער איינזאַמקייט), אַפילו אין דאָזיקן מאָמענט פאַר־געסט ער נישט אינגאַנצן די לערע פון זיין לעבנס־גורל. „איך האָב גרויסע פרייד – שרייבט ער, – הגם איך ווייס וואָס עס וועט קומען. מען וועט זיך איצט נויטיקן אין מיר און

מען וועט מיך אפשר אויך איצט נישט הערן". ער ווייסט, אַז „מיר שטייען פאַר דער גרעסטער ענדערונג, אָבער די מיינסטע זענען אינערלעך נישט באַרייכערט און נישט געענדערט געוואָרן".

כדי בולט מאַכן לאַנדויערס אַלגעמיינע שטעלונג צו דער לאַגע, מוז איך נאָך ברענגען אַ לענגערן ציטאַט פון זיינעם אַ בריוו: „איך זע פאָראויס שוידערלעכע צעטומלענישן און נויטן און מיר איז גרינג אויפן האַרצן. איך ווייס נישט, צי איר פאַרשטייט די דאָזיקע בלויז כלומרשטע סתירה. איצט האַנדלט זיך וועגן זינען, וועגן די העכסטע ענינים פון דער מענטשהייט, וועגן אַ גערעכטן אויסגלייך און אַ פאַרשטאַנדיק, שיין לעבן: וועגן קאַמף קעגן יעדער פאַרטיי-וועזן, וועגן דאָס נייע, פאַרבאָרגענע, וואָס וויל ערשט ווערן. וויי צו אונז, אויב אונזער רעוואָלוציע איז געווען אַ הומאָריסטישער פוטש! די גרויסע אַנטשיידונגען דאַרפן נאָך ערשט קומען, מיר שטייען אין דער רעוואָלוציע, און אַזוי אַרום וועט קומען די רייניקונג, די דערהייבונג, די העכסטע צייט; עס איז אַ חסד, וואָס מיר לעבן אין איר. אַלדאָס אַלטע מוז באַזייטיקט ווערן; גאַנץ נייע מענטשן, פון וועלכע קיינער ווייס נישט, וועלן קומען. ס'וועלן אפשר אָנקומען שוידערלעכע נויט-צייטן; מען וועט אפשר זען אינדוסטריע-רואינען, ווי די בורגן פון די רויב-ריטערס; האָבן מיר דען נישט געלערנט אין דאָזיקן קריג דאָס איינע, אַז נאָר די ביטערסטע נויט ברענגט די מענטשן צום שכל? די מענטשן ווייסן נאָך גאָרנישט, אַבסאָלוט גאָרנישט וועגן די ריכטיקע פאָליטישע איינריכטונגען און וועגן דער ריכטיקער ווירטשאַפט; דאָס וואָס איך און מיינס גלייכן ווייסן, וועלן מיר זיי זאָגן אַזוי הויך און מיט אַזויפיל ליבע ווי נאָר מעגלעך; אָבער איך גלויב, אַז זיי וועלן נאָך נישט הערן, זיי וועלן מוזן פילן. אָבער דאָס אַלץ פאַרשאַפט מיר נישט קיין טרויער; מיין לעבן און מיין גורל האָבן מיר געלערנט: שטיין קעגנאיבער דעם לעבן גלייכצייטיק אַלס קעמפער און צוקוקער; און דאָרט, וווּ עס האַנדלט זיך נישט, ווי אין קריג, וועגן פאַרעל-

טערטער משוגעת, נאָר וועגן זינען, איז מיר נישט צו גרויס קיין שום קאַמף און קיין שום אָפּגרונט.״

אָט אַזוי, באַוואָפנט מיט דער לעצטער האָפענונג פון אַן איינזאַמען און מיט דער שפּעפּערישער רעזיגנאַציע פון אַ וויסנדיקן טרוימער, נעמט לאַנדויער אָן דעם רוף צו קומען קיין בייערן. ער שרייבט: „די אמתע גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן מוזן נאָכטון מיין ביישפּיל און מיטווירקן אין די אַרבעטער־ און זעלנער־ראַטן, אָנשטאָט צו וועלן פאַר זיך בכבודע עקסטראַ־פּאַטראָנאַזשעס.״

*　　　*

*

איידער איך טרעט צו שילדערן דעם פינאַל פון גוסטאַוו לאַנדויערס לעבנס־טראַגעדיע, מוז איך נאָך באַרירן אַביסל גענויער לאַנדויערס גייסטיקע צעבראָכנקייט, אין וועלכער דער רוף צו דער רעוואָלוציע האָט אים געטראָפן, און וועלכע איך האָב אויבן דערמאָנט. דאָס איז וויכטיק צו וויסן נישט נאָר דערפאַר, ווייל זי געפינט זיך אויפן וועג צום פינאַל, נאָר ווייל זי האָט אים אַקטיוו געשטויסן צום דאָזיקן פינאַל.

דער טויט פון זיין פרוי, די דיכטערין העדוויג לאַכמאַן, איז פאַר לאַנדויערן געווען אַ מוראדיקער קלאַפּ. ער האָט פאַרלוירן דעם איינציקן מענטשן, וועלכער האָט אים פאַרשטאַנען און געשיצט פאַר דער געפאַר פון דער לויערנדיקער אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. דער פאַרלוסט האָט אים אַזוי דערדריקט, אַז ער האָט פאַרלוירן די גאַנצע אַרבעטס־פעאיקייט: „מיין אַרבעט, — שרייבט ער, — באַשטייט אין דעם, וואָס איך וויל אַרבעטן און קאָן נישט.״ נישט געקוקט אויף זיינע אַלע אָנשטרענגונגען, קאָן ער נישט פאַרענדיקן זיין שעקספּיר־בוך, אַ ווערק, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך אַ שטיק פון זיין נשמה.

אָט ווי לאַנדויער כאַראַקטעריזירט זיין צושטאַנד: „מיר ווערט דאָס האַרץ אַלץ שווערער און די געוואַלט, וועלכע איך

באַגיי איבער זיך אין מענטשלעכן זינען און אַלס מחבר, וועט — איך שפּיר עס -- אין דער נאָנטסטער צוקונפט פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע. דער מענטש באַשטייט דאָך פון אַ סך שיכטן, שטאָקן און מאַסקעס, און די פּאַסאַדן בלייבן נאָך שטיין אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי דער איינוווינער האָט זיך שוין אַרויסגעצויגן., איך מערק אָבער שוין צו דייטלעך, אַז ביי אַלץ, וואָס איך טו בין איך אייגנטלעך נישטאָ דערביי.״

און שפּעטער קערט ער זיך ווידער אום צו כאַראַקטערי־זירן בילדלעך זיין צושטאַנד: „איך פיל מיך בלויז אויף אור־לויב אין דער דאָזיקער וועלט, ביי די קינדער און ביי דער רעוואָלוציע. און טאָקע דעריבער בין איך גלייכצייטיק אַזוי ראַ־דיקאַל און אַזוי פרידלעך שטיל״.

נאָר דאַן, ווען מען פילט זיך גוט אַריין אין דידאָזיקע שיינע, טראַגישע ווערטער, קאָן מען ריכטיק פאַרשטיין אַלץ, וואָס איז דערנאָך געשען. פריץ מאָוטנערס פאָלגנדיקע ווער־טער וועגן לאַנדויערן: „דו ביסט אַ נאַכטוואַנדלער, נישט וועקן!״ זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי ריכטיק, ווי אין דאָזיקן פּעריאָד.

די פאַרגאַנגענהייט האָט זיך אָפּגעשלאָסן פאַר אים, די צוקונפט האָט זיך קאָנצענטרירט אין איין לויכטנדיקן פּונקט, וואָס האָט סוגערירט, געריסן מיט אומבאַזיגבאַרער געוואַלט צו אַ זיגפולן סוף, צו אַ איבערצייגנדיק־ריינעם, האַרמאָנישן אָפּ־שלוס־אַקאָרד פון גאַנצן לעבן. דאָרט, וווּ עס האַנדלט זיך וועגן די העכסטע מענטשהייטס־ווערטן, איז דאָך פאַר אים נישט שרעקלעך קיין שום קאַמף, קיין שום אָפּגרונט.

אַ גאַנץ לעבן האָט לאַנדויער געטרוימט וועגן אַ רואי־קער, גייסטיק־נאָנטער באַשעפטיקונג, וואָס זאָל אים געבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן מאַטעריעל זאָרגלאָז און עס זאָל אים בלייבן צייט פאַר זיין ליטעראַרישן און סאָציאַליסטישן שאַפן. און אַזאַ מעגלעכקייט האָט זיך פאַר אים געשאַפן אין דער רעוואָלוציע: דאָס דיסלדאָרפער שוישפּיל־הויז האָט אים פאַר־געלייגט אַ גוט־באַצאָלטע שטעלע אַלס ליטעראַרישער באַראַטער.

ער נעמט אָן דעם פאָרשלאָג מיט פרייד, אָבער ווען ער דאַרף פלוצלונג אויסוויילן צווישן דיסעלדאָרף און מינכען, גיט ער די בכורה מינכען, איבערלאָזנדיק דיסעלדאָרף אויף שפּעטער. אָבער זיין הערָאישע אָנשטרענגונג אַריבערצושפּרייזן אַלס נאַכט-וואַנדלער איבערן אייגענעם ספק, האָט צו גאָרנישט נישט געפירט: די גרויזאַמע ווירקלעכקייט פון דעם דייטשישן „הומאָריסטישן פוטש" האָט אים אויפגעוועקט איבערן רעכטן מיטן תהום.

* *

*

לאַנדויער איז געקומען קיין מינכען מיט זיין דאָזיקער איינהייטלעך-דאָפּלטער שטימונג: אַלס קעמפער און צוקוקער, אַלס נאַכט-וואַנדלער און קלאָרזעעוודיקער, אַלס באַגייסטערט-האָפנונגספולער, אייביק-יונגער און אַלס שטערבלעך-פאַרוואונדעטער, אין די לעצטע טעג פון לעבנס-אורלויב. ער טרעט צו אַרויסצוגעבן די געזאַמלטע אַרטיקלען זיינע פון פאַר דער מלחמה און פון דער מלחמה-צייט. בלויז איין באַנד איז דערשינען ביי זיין לעבן: „רעכענשאַפט" („דין-וחשבון"), מיט אַרטיקלען וועגן קריג בכלל און וועגן דער וועלט-מלחמה בפרט.

די דאָזיקע זאַמלונג האָט לאַנדויער אָנגעהויבן צוצוגרייטן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. דער ערשטער פאָרוואָרט צו דעם באַנד „רעכענשאַפט" איז אונטערגעשריבן „מערץ 1918" און ער שרייבט דאָרט פאָלגנדיקע שיינע ווערטער, אין וועלכע עס איז דאָ אַזויפיל זעלבסטגרייטונג צו זיין לעבנס-בענקשאַפט — צו דער רעוואָלוציע.

„איך וואַרט, כדי צו ריידן צו די מענטשן, ווען עס וועט ווידער עקזיסטירן פאָלק און פעלקער-פאַרבינדונג, פרייהייט פון וואָרט אין אייגענעם פאָלק און צו אַלע פעלקער. דערווייל וויל איך ווייזן, אַז איך בין באַרעכטיקט דערצו. איך גיב אָפּ אַ דין-וחשבון וועגן דעם, וואָס איך האָב געזאָגט אין די יאָרן פאַרן

קריג און אויך אין קריג אויף אַזויפיל עפנטלעך, ווי דאָס איז מיר נאָר מעגלעך געווען.

„דערמיט וויל איך אויך געבן אַ ביישפיל. זאָלן אויך אַנדערע אָפגעבן אַ דין־וחשבון ווי איך טו דאָס; מיר ווילן וויסן, מיט וועמען מיר האָבן צו טון.

„אַלע, וועלכע ווילן געבן עצות זייער פאָלק און די פעלקער פון דער מענטשהייט, פאָדער איך אַרויס צו אַזאַ דועל. זייט ווען זענען זיי וואַן? זייט וועו איז זייער געוויסן טעטיק? וו איז געווען זייער פלאַץ פאַרן אויסברוך פון קריג? ווי איז געווען זייער האַלטונג אין קריג?"

דידאָזיקע ווערטער מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע, אָבער די אונטערשריפט „מערץ 1918" ווייזט בולט, אַז אין דייטשלאַנד האָט מען זיך שוין געריכט אויף אַ קאַטאַסטראָפע און לאַנדויער האָט גענומען צוגרייטן זיין רעוואָלוציאָנערע לעגיטימאַציע.

צו דעמדאָזיקן קורצן פאָרוואָרט האָט לאַנדויער צוגעשריבן עטלעכע ווערטער, אונטערגעשריבן: „נאָוועמבער 1918, אין בונד פון די דייטשישע רעפובליקן". און די ערשטע טאַט זיינע אין דער רעוואָלוציע איז אַרויסצוגעבן דידאָזיקע זאַמלונג, דעמדאָזיקן דין־וחשבון, כדי אָפצוגעבן רעכנשאַפט וועגן זיין פריערדיקן לעבן, וואָס איז פאַרגאַנגען אין עפנטלעכן שאָטן, כדי צו באַווייזן, אַז ער האָט רעכט אויף דעם, וואָס ער טוט.

אָבער מער ווי צו גרייטונג איז ער אויך דאָסמאָל נישט געקומען.

דער ליכטיקער פונקט, צו וועלכן ער האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ פלאַטערל אין אַ פינסטערער נאַכט, האָט גיך גענומען פאַרטונקלט ווערן. ער בעט אין אַ בריוו, מען זאָל אים נישט אידענטיפיצירן מיט קורט אייזנערן, וועלכער טרעט נישט אַרויס גענוג שאַרף קעגן דער צענטראַליסטישער רעגירונג, און וועמענס אינערלעכע פאָליטיק ער קאָן, וואָס ווייטער, אַלץ ווייניקער מיטמאַכן. אין אַ צווייטן בריוו שרייבט ער וועגן קורט אייזנערן: „צווישן ספּאַרטאַקוס און קאָמפּראָמיס האָט ער פאַר-

לוירן זיין אייגענעם וועג, וועלכן ער האָט נישט דערקענט מיט דער זעלביקער קלאָרקייט, ווי איך.״

דער חלום נעמט זיך אויסוועפן און עס נעמען זיך באַשטעטיקן זיינע שלעכטע נביאות. די טראַגעדיע פון אַן איינזאַמען נעמט ווידער שפּילן די הויפּט־ראָל אין גוסטאַוו לאַנדויערס לעבן. אַ טרויער־טאָן פון האַרץ־ברעכנדיקער ריינקייט רייסט זיך אַרויס אין אַ בריוו גלייך נאָך די ערשטע רעזולטאַטן פון די בייערישע וואַלן: „אַלץ האָט זיך באַשטעטיקט, ריכטיק ווי כ׳האָב פאָרויסגעזען, אָבער גראָד דאָס איז דאָס דערדריקנדיק שווערע: זאָלן מיר שוין ווידער האַלטן ביי דער צייט, ווען דער איינזאַמער בלייבט גערעכט און בלייבט איינזאַם?״ אין דאָזיקן אויסרוף פילט זיך שוין דער לעצטער יאוש פון אַ מענטשן, וואָס איז מיד פון תמיד בלייבן גערעכט. ער וויל זיך נישט אומקערן פון אורלויב אין זיין „לעצטער איינזאַמקייט.״

ער בלייבט אין בייערן. ער שרייבט: „די מיינסטע צייט בין איך אין מינכען, ווו כ׳העלף דער רעוואָלוציע, זיך נישט בינדנדיק מיט איר, כל־זמן עס איז נאָך דאָ עפּעס צו העלפן.״ „דאָס וואָס איך טו, — שרייבט ער אין אַן אַנדערן בריוו, — טו איך נאָר ווי אַ חוב און איך טו עס צוליב אַלגעמיינע און פּערזענלעכע גרונדן, אָן שום האָפענונג.״

„וואָס איך קאָן טון, כדי זיך צו ראַטעווען פון דער דראָענדיקער געפאַר פון די באָלשעוויקעס, וועל איך טון. אָבער איך קוק פינסטער אין דער וועלט; דער גורל מוז געשען; דאָס, וואָס מיר, די ווייניקע, טוען, וועט זיין, האָב איך מורא, צו שפּעט אָדער צו פרי.״

ער וואַרפט זיך, ווי אַ שווער קראַנקער, צווישן קעגנזעצלעכע שטימונגען. דאָ שרייבט ער: „פרייען קאָן איך זיך נאָר, ווען איך פאַרזינק אין עבר און פאַרגעס דאָס לעבן״. און דאָ ווידער שרייבט ער: „איך גלויב, אַז איך בין דער איינציקער מענטש, וואָס בלייבט דערביי רואיק און פריידיק. זיך געפינען אינמיטן דרינען און צוזען אַלץ, ווי פון אַן אַנדער

שטערן, איז מעגלעך נאָר פּאַר אַזאַ איינעם, וואָס האָט דאָס אַלץ שוין לאַנג איבערגעלעבט נאָך איידער ס'איז געשען"...
אָט רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ געשריי פון שרעקלעכער מידקייט: „ווי גערן איך וואָלט מיך אויסגערוט!" און אָט שרייבט ער: „אַלע מענטשן וואָלט איך געוווּנשן די רו, וואָס הערשט אין מיר". און ווידער: „די וועלט איז אַזוי טויב, אַז כ'וואָלט וועלן פאַרשטומט ווערן".

און די דאָזיקע אַלע געמיט-וואַקלענישן ווערן האַרמאָניזירט אין דעם עכט-לאַנדויערשן אויסדרוק וועגן זיין „רואיקער פאַרצווייפלונג אין דער מענטשהייט"...

וואָלט לאַנדויער נישט געוווּסט זיין אַזוי אונטערגעבראָכן אין זיין לעבנס-קראַפט, וואָלט ער נאָך אפשר געפונען אין זיך קראַפט אַוועקצוגיין פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, אַוועק אויף ציללאָז-ראַדיקאַלע וועגן. אָבער מינכען איז געווען זיין לעצטע אָנשטרענגונג אַריבערצווואַרפן אַ בריק צו דער וועלט. און ווען די בריק האָט זיך גענומען ברעכן, האָט ער נישט געהאַט ווהין צו לויפן. ער שרייבט צו די קינדער: „ווי מיר וועלן איצט אויפריכטן אונזער היים (דאָס שרייבט ער נאָך דעם, ווי עס איז צערונען געוואָרן אויך דער דיסעלדאָרפער חלום. — י. ר.) איז אומזיכער. איך קאָן אויסוויילן אין דער גאַנצער וועלט, אָבער עס געפעלט מיר אין קיין איין אָרט נישט".

„איר, מיינע ליבע קינדער, — שרייבט ער צו זיי שוין הארט פאַר דער קאַטאַסטראָפע, — האַלט מיך נאָך אויף ביים לעבן, אָבער איר דאַרפט נישט דערוואַרטן פון מיר איך זאָל מיך שוינען... איך גיי מיין וועג ווייטער ווי ביזאַהער"...

און ווען ער שרייבט: „זאָרגט זיך נישט וועגן מיין לעבן! פון די דריי דימענזיעס האָב איך זיך תמיד אַמוויי-ניקסטן געקימערט וועגן דער לענג", איז דאָס נאָר אַ האַלבער אמת. האָט ער דאָך אַמאָל יאָ געזאָרגט וועגן זיין לעבנס-לענג, כדי ער זאָל זי קאָנען אָפּגעבן פאַרן ציל פון זיין לעבן, ביים פאַרמירן שפּעריש די נייע געמיינשאַפט. איצט אָבער האָט

ער עס געוואָלט וואָס גיכער אָפּגעבן נישט נאָר פון מוטיקייט, נאָר פון פאַרצווייפלונג, ווייל זיין לעבנס-טרוים איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

בלויז נאָך איינמאָל רייסט זיך אַרויס לאַנדויערס פלאַם אין אַ ריירנדיק-קינדערשער האָפענונג. ער רעדט אין אַ בריוו וועגן דעם האַס, וואָס מען שפירט צו אים, וועגן דער העצע, וואָס מען פירט קעגן אים אין דער פרעסע (אַז ער, דער אַפּאָסטאָל פון דער פאַמיליע, פון דער מאָנאָגאַמער ליבע, האָט באַציאָנאַליזירט די פרויען!) און ער פרייט זיך, וואָס עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע, וועלכע קענען אים נישט און האָבן אים פונדעסטוועגן ליב. און ער זאָגט: „און וואָס נאָך קאָן פאַרלאַנגען אַ מענטש, וואָס האָט נאָך זיין לעבנס-אַרבעט נישט אָנגעהויבן און געפינט זיך נאָך אַלץ אין צוגרייטונג? צי עס וועט אָבער דערגיין צום איבערטרעטן די גרעניץ פון צוגרייטונג, צי כ׳וועל צוטרעטן צו מיין לעבנס-אַרבעט איז נישט זיכער. וועט מען מיר לאָזן אַ פּאָר וואָכן צייט (ער האָט דאַן איבערגענומען דעם פּאָרטפעל פון קאָמיסאַר פאַר פאָלקס-אויפקלערונג, קונסט און וויסנשאַפט אין דער ערשטער ראַטנרעגירונג אין בייערן), האָף איך עפּעס אויפצוטון. ס׳איז אָבער זייער מעגלעך, אַז עס האַנדלט זיך נאָר אין אַ פּאָר טעג און דאַן איז עס נאָר געווען אַ חלום"...

און ס׳איז געווען אַ חלום.

כמעט די לעצטע ווערטער פון זיינע בריוו זענען קנאַפּ, אָבער שוידערלעך: „סאַראַ אַרבעט! סאַראַ פיין!"

אָבער קיין צוריק האָט ער שוין פאַר זיך נישט געוואָלט. ער האָט אויף לעבן און טויט זיך פאַרבונדן מיט זיין אינטימסטער געליבטער — דער רעוואָלוציע, ווי זי זאָל נישט אויסזען: פון אַ לעצטן טרוים זאָגט מען זיך נישט אָפּ. ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום אַקציאָנס-קאָמיטעט, וו ער האָט זיך אָפּגעגרעניצט פון אים, אָבער ער לייגט פאַר זיין אַרבעט, אויב מען וועט אים רופן. אָבער מען האָט אים נישט גערופן. די צווייטע בייערישע ראַטן-רעפּובליק, אַ ריין-באָלשעוויסטישע,

האָט זיך אין אים אינגאַנצן נישט געגוויטיקט. בעת דאָס קייזערלעכע פרייסישע מיליטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט פאַרנומען מינכען, איז לאַנדויער נישט געווען קיין מיטגליד פון דער ראַטן־רעגירונג. זיינע פריינט האָבן אים פאַרגעלייגט אַנטלויפן אין דער שווייץ. בלויז אויף איין מאָמענט איז ער מסכּים געווען דערצו. אָבער באַלד האָט ער חרטה געהאַט און קיינער האָט אים שוין נישט געקאָנט באַוויגן אָפּצוזאָגן זיך פון זיין באַשלוס. די לעבנס־לענג איז אים שוין נישט נויטיק געווען. אויף נאָך אַן אָנשטרענגונג אונטערצוהאַלטן דעם געבראָכענעם לעבנס־כּח, האָט שוין קיין ווילנסקראַפט נישט געקלעקט.

*   *

*

לאַנדויער איז אומגעקומען דורך יונקערשע שטיוול און יונקערשע באַפעלן אויף אַזאַ אופן, ריכטיק ווי דער פרייהער פאָן גאַגערן וואָלט געוואָלט צעטרעטן אויף אייביק די אידייען, וואָס האָבן געלעבט אין דאָזיקן געפערלעך־קלאָרן קאָפּ און געפערלעך־גליענדיקן האַרצן.

און נאָסקע האָט אויסגעדריקט זיין דאַנק דעם גענעראַל און די זעלנער, וועלכע האָבן אַזוי געטריי געדינט דער דייטשישער רעפּובליק; און דאָס דייטשישע רעפּובליקאַנישע געריכט, דאָס געריכט פון די שיידעמאַנס, האָט ווי באַשטעטיקט פאָן גאַגערנס טאַט צום שוץ פון זיין רעפּובליק: דאָס געריכט האָט איינעם פון לאַנדויערס מערדער פאַרמשפּט אויף צוויי חדשים תּפיסה פאַר צונעמען ביים דערמאָרדעטן אַ זילבערנעם זייגער. הרגענען לאַנדויערן האָט מען טאָקע געדאַרפט, אָבער פּריוואַט־אייגנטום איז הייליק, אַפילו לאַנדויערס...

דאטן
פון גוסטאוו לאנדויערס ביאגראפיע

גוסטאוו לאנדויער איז געבארן געווארן דעם 7 אפריל 1870 אין קארלסרוע. זיין פאטער איז געווען א מיטל־פארמעג־לעכער יידישער סוחר. לאנדויער באזוכט אין זיין היימשטאט די גימנאזיע.

1890—91. סטודענט אין ציריך. ער קומט דארט אין באַ־רירונג מיט די אינטערנאציאנאלע ראדיקאל־סאציאליסטישע קרייזן.

ער שרייבט דארט דעם ראמאן „דער טויט־פרעדיקער".

1892. סטודענט אין בערלין. טרעט אריין אין דער רע־דאקציע פון ערשטן „סאציאליסט". גיט ארויס א בראשור „צום ציריכער קאנגרעס".

א מיטגרינדער פון דער „נייער פרייער פאלקס־בינע".

האט התונה מיט זיין ערשטער פרוי. (טאכטער שאר־לאטע).

1893. א תפיסה־שטראף פון 11 חדשים פאר „אויפרייצנ־דיקע" ארטיקלען אין „סאציאליסט."

1894. דער „סאציאליסט" ווערט פארמאכט דורך דער געריכט־מאכט.

1895. די שריפט: „אַ וועג צו באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס".

די גרינדונג פון „צווייטן סאָציאַליסט".

1896. לאַנדויער פאָרט אַלס דעלעגאַט פון די דייטשישע אַנאַרכיסטן צום אינטערנאַציאָנאַלן לאָנדאָנער קאָנגרעס. מען לאָזט אים נישט צו.

זיין שאַרפער קאָנפליקט מיטן אַלטן ליבקנעכט.

1897. לאַנדויער פאַרלאָזט די רעדאַקציע פון „צווייטן סאָציאַליסט".

1899. די אָפיציעלע „אַנאַרכיסטן־פאַרטיי" קערט זיך אָפּ פון „סאָציאַליסט" און די צייטשריפט ווערט רואינירט.

1900. פאַר אַ שאַרפן אָנגריף קעגן פּאָליציי־קאָמיסאַר גאָטשאַלק (אין פּראָצעס ציטהען: אַ אומשולדיק־פאַרמשפּטן פאַר מאָרד) פאַראורטיילט צו זעקס חדשים תּפיסה.

1900—01. טרעט אַריין אין דער „נייער געמיינשאַפט" פון די ברידער האַרט.

האָט חתונה מיט זיין צווייטער פרוי העדוויג לאַכמאַן (טעכטער: גודולאַ און בריגיטע). זייט 1902 לעבט ער מיט איר אין הערמסדאָרף ביי בערלין.

1900. קניפּט אָן באַציאונגען מיטן פילאָזאָף און שפּראַך־קריטיקער פריץ מאַוטנער, וועלכער האָט אויף לאַנדויערן אַ טיפע ווירקונג.

1902. האַלט זיך אויף אַ לענגערע צייט אין לאָנדאָן.

1903. רעפעראַטן וועגן מאַוטנערס באַרימטן ווערק „קריטיק פון דער שפּראַך". גיט אַרויס זיין פילאָזאָפיש ווערק „סקעפּסיס און מיסטיק".

ווערט פאַרקויפער אין אַ בוכהאַנדלונג אויף פּאָטסדאַמער גאַס אין בערלין.

איבערזעצט און גיט אַרויס מייסטער עקעהאַרטס מיסטישע שריפטן און אָסקאַר ווײַלדס ווערק.

.1906 גרינדעט דעם „סאָציאַליסטישן בונד".

.1908 גיט אַרויס אין מאַרטין בובערס שריפטנזאַמלונג „די געזעלשאַפט" זיין באַרימטן בוך „די רעוואָלוציע" (דאָ אין יידיש אין י. נ. שטיינבערגס איבערזעצונג).

.1909 גרינדעט דעם „דריטן סאָציאַליסט" אַלס אָרגאַן פון סאָציאַליסטישן בונד.

.1911 גיט אַרויס דעם „אויפרוף צום סאָציאַליזם" (דאָ אין אַ יידישער איבערזעצונג פון ה. פראַנק און ב. ראָזענטאַל).

פירט אַ טעטיקייט צווישן די גרופּעס פון „בונד". — האַלט פאָרטראַגן אין בערלינער פאַרשידענע קרייזן. — נעמט אַנטייל אין דער קינסטלערישער קאָמיסיע פון דער נייער פרייער „פאָלקס-בינע". — איבערזעצט פאַרשידענע ווערק. — ווערט טעאַטער-קריטיקער אין „בערלינער בערזנקוריער".

.1915 דער „סאָציאַליסט" הערט אויף צו דערשיינען.

.1916 לאַנדויער לעבט איצט מייננסטנס אין קרומבאַך אין שוואַבען, דעם היימלאַנד פון זיין פרוי.

.1918 דעם 21 פעברואַר שטאַרבט העדוויג לאַכמאַן.

דעם 6 סעפּטעמבער רעדט ער צום לעצטן מאָל אין בערלין אין ראַטהויז-זאַל פאַר דער פאָלקס-בינע איבער שעקספּירס „אַ מאָס פאַר אַ מאָס".

קערט זיך אום קיין קרומבאַך.

.1918 אָקטאָבער. מאַכט אַן אָפּמאַך מיט דער דירעקציע פון דיסעלדאָרפער שוישפּיל-הויז אַלס דראַמאַטישער באַראַטער און רעדאַקטאָר פון די „מאַסקען" (צייטשריפט פון שוישפּיל-הויז), וועלכע ער גיט זייט דאַן אַרויס. די אַרבעט פון אַ דראַמאַטישן באַראַטער פירט ער אָבער נישט אויס. ער פאָרט אין נאָוועמבער 1918 צו קורט אייזנערן קיין מינכען.

ער איז הויפּט-רעדנער אין לאַנד-אַרבעטער-ראַט און קאָמיסאַר פאַר פאָלקס-בילדונג.

.1919 26 פעברואַר. הספּד אויף קורט אייזנערן.

7 אַפּריל. עס ווערט צעטריבן די סאָציאַליסטישע קאָאַליציע-רעגירונג פון האָפמאַן און עס ווערט אויסגערופן אין מינכען די ראַטן-רעפּובליק, לאַנדויער איז אין צענטראַל-ראַט.

14 אַפּריל. ווען די קאָמוניסטן צעטרייבן דעם צענטראַל-ראַט און נעמען אַליין איבער די מאַכט, ציט זיך לאַנדויער צוריק פון פּאָליטישן לעבן און לעבט ביי פרוי אייזנער אין גרויס-האַדערן ביי מינכען.

דעם 1-טן מאַי ווערט ער אַרעסטירט דורך קייזערלעכע זעלנער פון דער דייטשישער „רעפּובליק" און צומאָרגנס, דעם 2-טן מאַי 1919, ווערט ער אויף אַ שוידערלעכן אופן דערמאָרדעט.

גוסטאוו לאנדויערס ווערק

1. בעלעטריסטיק:

דער טויט-פרעדיקער (ראָמאַן)

מאַכט און מאַכטן (נאָוועלן)

ווי אַזוי העדוויג לאַכמאַן איז געשטאָרבן (פּריוואַט-אויס-גאַבע פאַר די פריינט)

2. קריטישע שריפטן:

צום ציריכער קאָנגרעס (1893)

אַ וועג צו באַפרייען דער אַרבעטער-קלאַס (1895)

פון ציריך ביז לאָנדאָן (1896)

שריפט צום ציטהען-פאַל

דורך אָפּזונדערונג צו געמיינשאַפט

סקעפּסיס און מיסטיק

די רעוואָלוציע

אויפרוף צום סאָציאַליזם

„אַ וועג פון דייטשישן גייסט"

„דין-וחשבון"

שעקספּיר (צוויי בענדער)

דער ווערנדיקער מענטש (זאַמלונג ליטעראַרישע אַרטיקלען, אַרויסגעגעבן דורך מאַרטין בובער)

אָנהויב (זאַמלונג סאָציאַליסטישע אַרטיקלען, אַרויסגעגעבן דורך מאַרטין בובער)

3. איבערזעצונגען:

מייסטער עקעהאַרטס מיסטישע שריפטן

אָסקאַר אואײַלדס „דער סאָציאַליזם און די נשמה פון מענטשן"

קראָפּאָטקינס: לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און האַנדל, געגנזייטיקע הילף אין דער אַנסוויקלונג, סאָציאַליזם פאַר מיליאָנערן

טאַגאָרס דיכטונגען (צוזאַמען מיט העדוויג לאַכמאַן)

אַ באַנד לידער פון וואַלט וויטמאַן

בריוו פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (2 בענדער) געקליבן און קאָמענטירט דורך גוסטאַוו לאַנדויער. אַ גרויסאַרטיקער פרווו צו ווייזן די צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דורך דער פריזמע פון פריוואַטע בריוו פון פאַרשידענע מענטשן.